NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12803

YERIKHO

Jacob Pat

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ירוחם

דערציילט פאר קינדער

— פון —

יעקב פאט.

פארלאג:
„פרץ קינדערהיים"
ביים
ארבייטער-פאראיין.
„פאלקס-טיי-הויז און לעזע-זאל"
ביאליסטאק.

דרוק. ווגאר ביאליסטאק.

יריחו.

מײַן זון עמנואל'קען
אַ מתנה.

א.

אויפ'ן הויכען בארג איז משה געשטאנען, אויפ'ן בארג, װאָס איז אין עק פֿון לאנגען מדבר געװען, און פֿון דערװײַטענס געזען דאָס לאנד, װאו דאָס פֿאָלק װעט אַרײַנקומען, נאָר ער װעט שוין דערפֿאַלסט ניט זײַן. ער איז שוין הונדערט מיט צװאַנציג יאָר אלט, ער װעט שוין דעם ירדן ניט אריבערגײן, אויף דער זײַט מדבר װעט ער פֿארבלײַבען.

אויסגעצויגען אין דער װײַטענס איז געלעגען דאָס לאנד, װאָס װעט צו די אידען געהערן. סעדער און גערטנער און װײַנגערטנער און טײַטעלבוימער האָבען זיך געפֿלאָכטען. ברכה און פֿרוכטבארקײַט איז געװען אין שוים פֿון די פֿעלדער. רײַנע, בלויע הימלען האָבען זיך איבער יענעם לאנד געװיקעלט און געהעלבט. אהינצו װעט דאָס פֿאָלק קומען, אַהינצו נאָך דעם פֿערציג־יאָריגען מדבר.

צופֿוסענס דעם בארג איז די מחנה ישראל געלעגען. פֿון פֿארשײַדענע זײַטען האָבען די פֿאָנען פֿון די שבטים אין דער

לופטען איבער'ן מדבר געוויהט. איבער ראובנ'ס מחנה—די פאן מיט'ן רובין-שטיין, פון רויטען קאליר און א סימן—פיילכענדלאך. שמעונ'ס פאן—דער שטיין טאפאז, דער קאליר-גרין, דער סימן—די שטאט שכם. לוי—דער שטיין—היאצינט, קאליר—גרויליך-רויט, און—אורים ותומים. יהודה—דער שטיין—סמאראגד, דער קאליר—הימעל-בלוי, דער סימן—א לייב. יששכר—דער שטיין—סאפיר, קאליר—טונקעל-בלוי, דער סימן—זון און לבנה. זבולון—דימענט, קאליר—ווייס, דער סימן—א שיף. דן—דער שטיין אפאל, קאליר—טונקעל-בלוי, דער סימן—א שלאנג. גד—דער שטיין—קארדינערים, קאליר—גרוי, דער סימן—א מחנה. נפתלי—דער שטיין אמעטיסט, קאליר—העל-ווין-פיאלעט, דער סימן—א אינד. אשר—דער שטיין אגאהאט, קאליר—שווארץ, סימן—איילבערט, יוסף—דער שטיין—אניקס, קאליר—טונקעל-ברוין בעמאלט מיט צוויי פעלדער פאר ביידע שבטים. אפרים'ס סימן—א אקס, מנשה'ס—א בופעל: בנימינ'ס שטיין—יאספיס, קאליר—רעגנען-בויגען, זיין סימן—א וואלף.

צופוסענס דעם בארג איז די גאנצע מחנה־ישראל געשטאנען און געזונגען די געזאנגען:

— רוה, גאט, מיט די טויזנטער אידען...

און משה האט געוואוסט, אז מיט דער מחנה וועט ער שוין ניט זיין, אהינצו אין לאנד וועט ער שוין ניט קומען. און

משה האָט זיך געזעגנט מיט די פייגעלאך, וואָס פליהען אין אלע פיר עקען וועלט, מיט דעם הויכען בלויען הימעל און מיט דער ערד, מיט די שטערן און שטערענדלאך אין הימעל, מיט די הויכע בערג און מיט דעם ים—מיט דעם וועלכען ים, צו וועלכען ער איז אמאל מיט זיין שטעקען געקומען.

און משה האָט דאָס פאָלק צונויפגעקליבען און האָט פאַר אים דערציילט, אז ער וועט אין לאַנד ניט קומען, זיין תלמיד יהושוע וועט פאָראויס דעם פאָלק גיין און אים דעם וועג חיי־זען, און נאָך האָט ער זיי געזאָגט:

— עדות זאָלען זיין הימעל און ערד, אז אויב איר וועט נאָך פרעמדע געטער גיין, וועט איר אָפגעמעקט ווערן פון דער ערד.

און יענע נאַכט האָט זיך משה'ן א חלום גע'חלומ'ט: עס איז צו אים אין חלום א מלאך געקומען און אזוי געזאָגט:

— קלייב זיך אויס, משה,—אָדער דו זאָלסט בלייבען לעבען און דאָס פאָלק ישראל זאָל דורך שונאים אומקומען, אָדער דו זאָלסט שטאַרבען און דאָס פאָלק ישראל זאָל בלייבען לעבען...

האָט משה אזוי אין חלום געענטפערט:

— זאָלען בעסער פאַרלאָרן גיין טויזענט משה'ס און קיין נאָגעל פון איינעם פון פאָלק ישראל זאָל ניט געקריכט ווערן...

און גאנץ פריה איז משה אויפגעשטאנען און איז צום געצעלט פון זיין תלמיד יהושע געקומען. האט ער געזען, ווי דאס גאנצע פאלק קלייבט זיך ארום יהושע׳ס געצעלט. האט זיך משה׳ן אזוי שטארק געגלוסט נאך לעבען בלייבען און נאך מיט׳ן פאלק ישראל זיין און איבער׳ן ירדן גיין, און ער האט אנגעהויבען מקנא צו זיין דעם תלמיד זיינעם, יהושע׳ן.

— הונדערט מאל שטארבען און נישט איין מאל מקנא זיין... — האט אבער משה געזאגט, און ער האט אנגעהויבען אלעמען בענטשען פאר זיין טויט.

— שטארק זיך און קרעפטיג זיך, יהושע, דער זון פון נון, די וועסט ארייננברענגען דעם פאלק אין לאנד אריין, זאלסט נים מורא האבען, זאלסט זיך נים שרעקען!—האט ער צו אים געזאגט.

און צום פאלק האט ער גערעדט אזוי:

— איך בעט אייך, אז, ווען איר וועט אין לאנד קומען, זאלט איר מיך און די ביינער מיינע געדיינקען און זאגען:

— ווי צו עמרם׳ס זון, וואס איז, ווי א פערד פאר אונז געלאפען, און זיינע ביינער ליגען אין מדבר געפאלען.

דערנאך האט משה א קול געהערט, וואס האט געזאגט צו אים:

— גײ, משה, לײג זיך מיט דײַנע עלטערן...

האָט זיך משה אין דער אויסגעבעטעטער בעט געלײגט. א לײַנען-קלײד איז אים געװען אויסגעשפּרײט צוקאָפּעגס און צו-פוסעגס, ער האָט די אויגען פאַרמאַכט, די הענט צוגויפגעלײגט, די פיס צוגויפגענומען, און — שוין. דערמאָלסט איז משה געשטאָרבען.

און שפּעטער האָבען די אידען דערצײלט, אז זײ האָבען געזען, װי די מלאכים האָבען משה׳ס נשמה געטראָגען ארויפצו און דערהויך, צו די הויכע הימלען...

קײנער האָט ניט געװאוסט, װאו ס׳איז משה׳ס קבר. ער איז פון די בערג צוריק ניט געקומען.

און אז יהושע האָט געזען, אז משה איז שוין ניטאָ, האָט ער געשיקט זאָגען אין פאָלק אריין:

— גרײט אײַך, גרײט אײַך!... אין דרײַ טעג ארום נײען מיר דעם ירדן אריבער, דעם מדבר לאָזען מיר הינטער זיך, און פאַר אונז ליגט דאס לאַנד פון מילך און האָניג... גרײט אײַך!... גרײט אײַך!...

און דאס פאָלק האָט צוריק געענטפערט יהושע׳ן:

— דו װעסט באַפעלען און מיר װעלען טאָן. דו װעסט אונז שיקען און מיר װעלען גײן!..

און װידער האָט יהושע געזאָגט אין פאָלק אריין:

— פון קנעכטען-הויז, פון מצרים, זיינען מיר ארויס, פערציג יאָר אין מדבר געווען, כדי אין פרייען לאנד צו קומען, און שוין ליגט דאָס לאַנד פאַר אונז!..

און דאָס פאָלק האָט מיט פרייד-געשרייען געענטפערט:

— שטאַרק זיך און קרעפטיג זיך!..

ב.

אין שטים איז דאָס פאָלק געווען. האָט יהושע צוויי אידען צו זיך גערופען און ער האָט זיי אַזוי געזאָגט:

— גייט אין לאַנד אריין, אין דער שטאָט יריחו אַריין, און ברייגנט אונז דעם גרוס פון דאָרטען: ווער זיינען די מענשען פון דאָרטען און ווי איז דאָס לאַנד פון דאָרטען...

און מיר וועלען דאָ אויף אייך וואַרטען.

זיינען די צוויי אידען אין וועג אוועק און קיין יריחו געקומען. ארום דער שטאָט יריחו איז ארום-און-אַרום אַ דיקע מויער-וואַנט געשטאַנען, און אין מויער האָט איינע, רחב, געוואוינט; זיינען די צוויי געשיקטע צו דער רחב אין שטוב אריינגעקומען. זיי זיינען דאָך מיד פון וועג געווען און אויך האָבען זיי ניט געוואָלט, אַז מען זאָל זיי אין דער שטאָט דערזען, זיינען זיי

אַרײַן צו רחב'ן, וואָס איר שטוב איז געווען אין וואַנט פון שטאָט־מויער.

אָבער מען איז צום מלך פון יריחו געקומען און אים דערציילט:

— פון די בני ישראל זײַנען אַהערצו אין דער נאַכט מענשען געקומען דאָס לאַנד אויסצוזען...

האָט דער מלך געשיקט צו רחב'ן:

— רחב, צו דיר זײַנען מענשען אין דער נאַכט געקומען, גיב זיי אַרויס, ווײַל אויסקוקען דאָס לאַנד זײַנען זיי געקומען.

האָט רחב געוואָלט די מענשען ראַטעווען פון דעם מלכ'ס משפט, האָט זי אַזוי געענטפערט:

— יאָ, געקומען זײַנען אַהערצו מענשען פון אַ לאַנד, וואָס איך ווייס ניט, און אין אָוונט, ווען מען שליסט דעם טויער פון שטאָט, אין פינסטערניש, זײַנען זיי אַרויס, און איך ווייס ניט, וואו זיי זײַנען... יאָגט זיי גיך נאָך, און איר וועט זיי דערגרייכען.—

און די צוויי יהושוע'ס שלוחים האָט זי בײַ זיך אין דאַך באַהאַלטען.

און דעם מלכ'ס דינער האָבען דעם טויער פון שטאָט פאַרשלאָסען, כדי קיינער זאָל ניט אַרויסגיין, און אַליין האָבען

זײַ זיך איבער די בריקען אתעקגעלאָזען נאָכצוזיאָגען און לאָפען די צוויי פעשיקטע.

איבער די װעגען יאָגען זיך די נאָליאָגער, ניִשטערן און זוכען איבער די בריקען: װאו זײַנען די מענשען פון ישראל?— מען דארף זיי צום מלך פון יריחו ברײַנגען און דער לוין װעט זײַן א גרויסער.

און די צוויי שליחים קלײַבען זיך נאָר אײַנשלאָפען בײַ רחב'ן אויפ'ן דאך. איז רחב צו זיי ארויפגעקומען און אין דער שטיל געמרויט:

— איך ווײס, אז דאָס לאַנד װעט געהערן צו אײַך... אײַער שרעק איז אויף אונז געפאַלען און אונזער הארץ איז אינווײניג פון אימה צוגאנגען... מיר האָבען פון אײַער גאָט געהערט, וואָס ער איז אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד, אויבען און די וואָלקענס און אונטען אויף די פעלדער...

און זי בעט בײַ זיי:

— ווען איר װעט אהער אין לאַנד קומען, זאָלט איר לעבען לאָזען מיך, מײַן טאטען און מײַן מאמען, מײַנע ברידער און מײַנע שוועסטער...

און זי ניט נאָך צו:

— איך האָב מיט אײַך חסד געטאָן, זאָלט איר מיט מיר חסד טאָן.

האָבען די צוויי שליחים אין דער־שטיל געענטפערט:

— אונזער נפש געבען מיר פאַר אייערן... חסד וועלען מיר מיט דיר און מיט דיין טאַטענס הויז טאָן...

עס איז אין מיטען נאַכט געווען. די שטאָט יריחו איז געשלאָפען. דערמאָלסט האָט רחב אַ שטריק אַראָפּגעלאָזען פון איר פענסטער אויף דר'ערד אַראָפּ, און איר פענסטער איז דאָך אין מיטער פון שטאָט געווען און צו די פעלדער ארויסגעקומען, צו די פעלדער, וואָס אויף יענעם זייט שטאָט. אויפ'ן שטריק האָבען זיך די צוויי שליחים אַראָפּגעלאָזען.

— וואָלסט אין דיין פענסטער דעם רויטען שנירעל אָנ־געפיצן—האָבען זיי צו רחב'ן געזאָגט—וועלען מיר שפּעטער דערקענען די שטוב, און וועלכער דו זיצט.

עס איז דערמאָלסט נאַכט געווען, און אין יריחו האָט דאָס קיינער ניט געזען און קיינער ניט געהערט.

ג.

זיינען די שלוחים פון יריחו אוועק. געגאַנגען זיינען זיי צו די בערג, כדי דאָרט זיך אויסצובאהאלטען פון די נאָכיאָגער. דריי טעג און דריי נעכט האָבען זיי זיך אין די בערג באַהאַלטען.

די נאָביאָגער האָבען זיי געזוכט און ניט געפֿונען און מיט לײדיגען געקערט זיך צום מלך.

און די צוויי שליחים האָבען געאײלט, פֿון דעם בארג האָבען זיי געניִדערט, צו יהושע געקומען, צו אים אין געצעלט אריין און פֿון אלין אים פֿארצײלט.

און אזוי האָבען זיי געזאָגט:

— אונזערס איז דאָס לאנד, פֿאר אונז איז די שטאָט...

און אין פֿרימאָרגען שטײט אויף יהושע, ווען די זון איז נאָך איצט צו קיִניגען אין די הימלען ארויס, און איז צוזאמען מיט'ן פֿאלק צום ירדן געקומען.

און איבער'ן ירדן האָט זיך דאָס פֿאָלק געטראָגען, און יהושע האָט צום פֿאָלק גערעדט:

— זײט וויסען, אז א לעבעדיגער גאָט איז צווישען אונז.. זײט וויסען... זײט וויסען... שטארקט זיך און קרעפֿטיגט זיך!...

און גערופֿען האָט ער צוועלף מענשען פֿון צוועלף שבטים, האָט זיי באפֿױלען: צוועלף שטײנער פֿון ירדן ארויסנעמען, אויף די אקסלען טראָגען און זיי צוזאמענלײגען אויף דעם אָרט, וואו זיי וועלען די נאכט נעכטיגען.

— זאל עס פֿאר א צײכען זיין — האָט יהושע געזאָגט — מאָרגען וועלען די קינדער פֿרעגען: וואָס באטײטען די צוועלף

שטײַנער?—װעלען מיר ענטפֿערן: פֿון קנעכטען הויז—פֿון מצרים ארויס איז דאָס פֿאָלק, און איבער'ן ירדן געגאַנגען!...

און דאָס גאַנצע פֿאָלק איז איבער'ן ירדן געגאַנגען: די כהנים, די לוים, פֿרויען און קינדער, שעפּסען און רינדער, און צווישען זיי—פֿערציג טויזענד באַוואָפֿענטע זין פֿון ראובן, פֿון גד און פֿון האַלבען מנשה.

געקומען זײַנען זיי צו די טויערן פֿון יריחו.

ד.

בײַם אַרײַנגאַנג פֿון זײַן געצעלט איז יהושע געזעסען און געקוקט אין דער װײַטעניש. דאָ נאָהנט ליגט דאָס געבענשטע לאַנד. עס שאָטענט זיך די פֿעסטונג פֿון יריחו. א הינצו אין יענעם לאַנד, דאַרף ער מיט'ן פֿאָלק קומען. דאָרט איז אַ שונא, דאָ, װאָס װעט זיך װעהרן, א שונא, װאָס האָט רײַטװעגענער און בויגענס. װעט מען קענען איהם בײַקומען?...

װײַס יהושע, אז משה האָט פֿון װאָלקען־זײַל געהערט דעם קול, װאָס האָט צו איהם גערעדט, דונערן און בליצען—ער זעט נור פֿאַר זיך די פֿעלדער פֿון יריחו, די פֿעסט־געמויערטע יריחו'ס װאַנט, און הינטער איהם ליגט אונטער'ן הימעל דאָס פֿאָלק צולײַגט.

ווי ער וואלט װעלען האָבען עפּעס א צייכען, אז ער איז ביים אליין, אַז הילף ליגט אין זיין יונג.—

— און וואָס וועט זיין אַז דאָס פאָלק וועט זיך אומקערן מיט'ן רוקען צו די איינוואוינער פון יריחו?..—וועט דאָס דערהערן דער כנעני, וואָס זיצט אין לאַנד, און וועט אונז ארומרינגלען און וועט אונזער נאָמען אָפּשנײַדען פון דער ערד?...

זיצט יהושע און קוקט אין לאַנד אריין, איבער וועלכען עס הענגען טיפע בלויע הימלען, קוקט ארויפצו צום ראַנד, וואו עס קושען זיך הימעל מיט ערד און ווערן איינס.—

און יהושע האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און ער האָט דערזען, אז אימיצער שטייט לעם אים מיט א בלויזען שווערד אין האַנט, איינער אליין אין מיטען פעלד.

— ווער ביסטו, דער מיט'ן שווערד? ביסטו א פריינד צו א פיינד?—האָט יהושע גערופען צו אים.

נאָר עס האָט זיך יענעמס קול דערהערט צוריק צו יהושע'ן:

— דער שר צבא פון גאָט בין איך... איך בין דאָ איצט אין פעלד געקומען...

ווי יהושע האָט דאָס דערהערט, איז ער צו דער ערד געפאלען און געקניהט און גערופען:

— וואָס רעדט מיין האר צו מיר?

און ווידער האָט יהושע דעם קול געהערט:

— ציה אראָפּ דעם שוך פֿון דײַן פֿוס!.. דער אָרט, וואו דו שטייסט, איז הייליג!...

און יהושע האָט אַזוי געטאָן — — —

און לאַנג האָט נאָך יהושע אין לאַנד־אַרײַן געקוקט. לאַנג איז ער נאָך געלעגען געבויגען צו דער ערד און געטראַכט וועגען צייכען, וואָס האָט זיך צו אים באוויזען. דער שר צבא איז שוין לאַנג פֿאַרשוואונדען געוואָרן פֿון הינטער יריחו׳ס מויערן.

ד׳.

און די שטאָט יריחו איז פֿאַרשלאָסען און פֿאַררינגעלט. קיינער גייט פֿון שטאָט ניט אַרויס און קיינער קומט אין שטאָט ניט אַריין. עס פֿלאַטערט נאָר אין די הערצער די אימה. די שומרים איבער יריחו׳ס מויערן זאָגען נאָר אָן פֿון שעה צו שעה דעם מלך פֿון יריחו, אַז ישראל לאַגערט הינטער די מויערן.

און יהושע האָט צום פֿאָלק אַזוי געזאָגט:

— זיבען טעג וועלען מיר די שטאָט אַרומרינגלען: פֿאָר־אויס—די כהנים און נאָך זיי—דאָס פֿאָלק. יעדען טאָג וועט מען נאָר איינמאָל אַרומרינגלען און דעם זיבעטען טאָג וועט מען זיבען מאָל אַרומרינגלען. פֿאָראויס וועלען זיבען כהנים גיין מיט

זיבען שופרות אין די הענט—װעלען זײ שאַלען אין די שופרות. דאָס פאָלק זאָל אין שופרות ניט שאַלען און קײן קול ניט לאָזען הערן. ביז עס װעט קומען דער טאָג, און איך װעל צום פאָלק זאָגען: „שאַלט!", דעמאָלט װעלען אַלע אין די שופרות בלאָזען און שאַלען.

ס'איז דער ערשטער טאָג געװען. אינדערפרי איז יהושע אויפגעשטאַנען און מען האָט די װענט פון יריחו אַרומגערינגעלט. זײַנען פאָראויס די כהנים געגאַנגען און אין די שופרות געשאַלט און נאָך זײ איז דאָס פאָלק געגאַנגען און געשװיגען. נאָך דעם האָבען זיך אַלע צוריק צו די געצעלטען געקערט.

איז יהושע אויף דעם צװײטען טאָג פריה אויפגעשטאַנען, און װידער זײַנען פאָראויס די כהנים געגאַנגען און אין די שופרות געשאַלט, און נאָך זײ איז דאָס פאָלק געגאַנגען. האָט מען די שטאָט יריחו אַרומגערינגעלט און צוריק צו די געצעלטען געקערט.

האָט מען אַזוי זעקס טעג געטאָן. איז געקומען דער זיבעטער טאָג. דאָס גאַנצע פאָלק װײס, אַז הײַנט איז דער טאָג—הײַנט איז דאָס זיבעטע מאָל.

גלײַך מיט'ן מאָרגענשטערן איז דאָס פאָלק אויפגעשטאַנען. דוהיגע און שטילע אין פריחמאָרגען-שײַן זײַנען די פעלדער פון

יריחו געפֿאלען. שטום זײַנען געשטאַנען די פֿאַררינגעלטע טויערן פֿון יריחו — ניט אײַן און ניט אויס. שרעק און אימה איז דאָרט אײַנגעווײנט, איבער די ווענט, אומגעגאַנגען, און פֿון דרויסן־ווײַט האָט דאָס פֿאָלק געוואַרט און געהאָפֿט.

האָט מען דעם זיבעטן טאָג זיבן מאָל די שטאָט אַרומגערינגלט, און ווען מען איז דעם זיבעטן מאָל אַרומגעגאַנגען, האָט יהושע צום גאַנצן פֿאָלק גערופֿן:

— שאַלט אַלע אין די שופֿרות!.. אונזערע איז די שטאָט!...
שאַלט אַלע אין די שופֿרות!...

און מען האָט אָנגעהויבן צו שאַלן. האָט מען אין אַלע עקן פֿון פֿאָלק די שופֿר־קולות דערהערט, האָט דאָס גאַנצע פֿאָלק זיך צושאַלט און צורויִשט, די כהנים האָבן אין די שופֿרות געבלאָזן, און נאָך ווי האָט דאָס פֿאָלק געטאָן, ביז די ווענט פֿון שטאָט זײַנען אײַנגעפֿאַלן, און דאָס פֿאָלק איז אין שטאָט אַרײַנגעקומען.

ו.

איז יהושע מיט'ן פֿאָלק אין שטאָט יריחו אַרײַן און אַלץ אונטער'ן שווערד געוואָרפֿן: מענשן, פֿיה און אייזלען...

און געזאָגט האָט יהושע, אַז מען זאָל פֿון דאָס גוטס, מען

זאָל פֿון גאָלד, און זילבער, און אײַזען, און קופּער ניט נעמען — הײליג איז דאָס, ניט צו רירן.

און צװײ שלוחים האָט ער געשיקט צו רחב'ן, כּדי מקיים זײַן, װאָס מען האָט איר צוגעזאָגט:

— איר און איר פֿאָטערס הויז ניט צו פֿאַרטיליגען. לאָזען איר לעבען, איר טאַטען און מאַמען, אירע ברידער און שװעסטער.

און נאָך אין זעלבען טאָג איז צום הימעל אויפֿגעגאַנגען דער רויך און פֿײַער פֿון דער שטאָט יריחו.

פֿון דרום האָבען דאָס די שטעט געזען און געװאוסט האָבען זײ:

ישראל האָט די שטאָט יריחו פֿאַרנומען...

I. ערשטע ביבלישע סעריע:

משה,	פון יעקב פאט.	פרייז 25 קאפ.
דוד,	" " "	" " "
גדעון,	" " "	" " "
שמשון,	" " "	" " "
יפתח,	" " "	" " "

II. קינדערישע דערציילונגען און מעשה׳לאך.

ביי דער שני מלכה,	פון יעקב פאט.
מאריקע.	" " "
ביים סטאליער.	" " "
די זארפנ.	" " "

מיט באשטעלונגען זיך ווענדען:

פרץ-קינדערהיים, ביאליסטאק, דייטשע 11

Zur Verbreitung im Gebiet des Oberbefellshabers Ost
und zur Ausfuhr zugelassen

Zum Druck freigegeben 14152 vom [illegible] 1918

Buchprüfungsamt
Ob. Ost.